STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02156

PEYSEH

S. L. Hurwitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פסח

אינטערעסאנטע ערצעהלונגען און
פאָלקס-מעשה'לעך
וועגען דעם הייליגען יום-טוב פסח

צוזאמענגעשטעלט פון

הרב שמריהו ליב הורוויץ

ארויסגעגעבען ביי די
גרויסע בראַנזווילער תלמוד תורה
תפארת הגר"א

ניו יארק — תרצ"ב

בית דפוס „אריאם פרעס", 42 וועסט רחוב 18 ניו יורק

אַ מתנה

פון „תפארת הגר"א תלמוד תורה"
425 האוואַרד עוועניו, ברוקלין, נ. י.

A GIFT

FROM

THE TIPHERETH HAGRO TALMUD TORAH

COPYRIGHT - 1932 BY RABBI S. L. HURWITZ, BROOKLYN, N. Y.

פאָרוואָרט

אידישע ימים טובים האבען איז זיך אַז אוצר פון קדושה און הייליגע נשמה־שעהנקייט. ווען אידען היטען אַפּ זייערע שבתים און ימים טובים, היטען די שבתים און ימים טובים אַפּ דאָס אידישע פאָלק, אַז עס זאָל ניט אונטערגעהן, זאָל זיך ניט אַסימילירען מיט די אַנדערע נאַציאָנען.

אַלס רב און גייסטיגער פיהרער פאַר די לעצטע עטליכע און דרייסיג יאָהר, פלעג איך אימער האַלטען פייערדיגע רעדעס, פון מיין בימה, פאַר די הונדערטער טויזענדער אידען, וועלכע פלעגען קומען הערען מיינע דרשות אין אייראָפּע און אַמעריקא וועגען די שעהנקייט און הייליגקייט פון די אידישע ימים טובים. אַלס מחנך, פּרינציפּאַל און פיהרער פון די געוועזענע ר׳ ישראל סאַלאַנטער תלמוד תורה פאַר צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד, און אַלס רב און פיהרער פון דער גרויסער בראָנזווילער תלמוד תורה ת פ א ר ת ה ג ר ״ א פאַר די לעצטע פינף יאָהר, האָב איך אימער געשטרעבט צו בעגייסטערען די טויזענדער יונגע אידישע נשמה׳לעך פון דעם נייעם אידישען דור, און איינפלאַנצען אין זייערע יונגע הערצער און נשמות ליבשאַפט און רעספּעקט צו אַלע אונזערע הייליגטימער בכלל און צו דער אידישער הייליגער תורה און שבת קודש און די אידישע הייליגע ימים טובים בפרט.

די ת פ א ר ת ה ג ר ״ א תלמוד תורה, וואו אַכט הונ־ערט אידישע קינדער, אינגלאַך און מיידלאַך, געניסען דאָרט אַ גוטע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אידישע ערציהונג, געפינט זיך איצט, צוליב דעם שרעקליכען פינאַנציעלען וועלט־קריזיס, אין אַ שרעקליכער פינאַנציעלער לאַגע. די תלמוד תורה געפינט זיך איצט אין גרויס געפאַהר, די דירעקטאָרען פון תלמוד תורה, חשוב׳ע בעלי־בתים פון בראָנזוויל, האָבען באַשלאָסען אַרויסשיקען צו אַלע אידען פון בראָנזוויל עפּעס אַ מתנה פאַר פסח, כדי די בראָנזווילער אידען זאָלען ענטפערען דער תלמוד תורה אין איהר שרעקליכער נויט, איז אַנגע־

נומען געווארען דער פארשלאג פון דעם באוואוסטען בראנזווילער כלל-טוער ר׳ יוסף חיים קאפלאוויץ און פון מר מנחם משה זאנענפעלד, צו לאזען דרוקען א קליין ספר׳ל, וועלכער זאל ענטהאלטען שעהנע ערצעהלונגען און פאלקס-מעשה׳לאך וועגען פסח. און דאס זאל צושיקט ווערען אלס מתנה צו די אידען, וועלכע דארפען זיך אינטערעסירען אין די אידישע ערציהונג פון אונזערע קינדער אין אמעריקא.

איך האף און ערווארט, אז דיזע מתנה וועט גרייכען די אידען, וועלכע האבען אידישע הערצער, אידישע נשמות, און וועלכע וועלען העלפען די דירעקטארען פון תלמוד תורה אין זייער שווערע הייליגע ארבייט, צו ערציהען א נייעם אידישען דור אין דעם גייסט פון דער הייליגער תורה, ברוח התורה והאומה.

הרב שמריהו ליב הורוויץ.

פאָלקס-מעשות ביי אידען.

אונזערע עלטערען האבען אונז איבערגעלאזען זעהר א רייכע ירושה, דעם תנ"ד, וועלכער איז דער הייליגסטער און וויכטיגסטער ספר וואס די וועלט האט ווען געהאט. דער תנ"ד איז דער טעקסט בוך פון ציוויליזאציאן, דער ספר הספרים: ער איז פול מיט געטליכע חכמה און קדושה, ער איז דער הויפט יסוד פון אידענטום. אויך משנה, קורצע, שארפע הלכות, דער יסוד פון תורה שבעל-פה. משנה איז די נשמה פון יודענטום אנגעטאן אין א וואונדערבארען בגד, דאס איז די בריליאנטענע הייליגע העברעאישע שפראך, געגרינדעט אויף די תורה אדער וואס די חז"ל האבען גע'דרש'ענט דורך די מדות התורה. און ברייתות — דאס זענען געוויסע משנות וועלכע זענען ניט אריין אין משניות. און דער תלמוד, דאס איז די גרעסטע און הייליגסטע ענציקלאפעדיע וואס די מענשהייט האט ווען פארמאגט. דער תלמוד ערקלעהרט די משנה, און איז דער הייליגסטער און בעסטער פירוש אויף דער תורה. ווי אויך די פוסקים, וועלכע שטודירען און ערקלעהרען דעם תלמוד און לערנען אונז ווי אזוי צו טאן און ווי אזוי צו לעבען אלס אידען איז דעם גייסט פון דער תורה, די מדרשים און אגדות אונזערע זענען אן אוצר פון מוסר, פילאזאפיע פון לעבען, מאראל, עטיק, דרך ארץ. זיי אלע זענען געגרינדעט אויפ'ן תנ"ד, ווייל דער תנ"ד, ווי געזאגט, איז דער פונדאמענט פון די גאנצע הייליגע אידישע קולטור און ליטעראטור. דערצו זענען מיר זעהר רייך מיט דער ליטעראטור פון קבלה, חסידות, רעליגיעזע פילאזאפיע, מאראל, תפלות, פיוטים, שאלות ותשובות און אידישע געשיכטע.

פסח

מען דארף שרייבען גאנצע ביכער צו בעהאנדלען און ערקלעהרען דייטליך און וויסענשאפטליך דעם אינהאלט, די בעדייטונג, און די גייסטיגע ווערדע פון די אלע אויבען־דערמאנטע ענינים, וואס עס איז פאר מיר אונמעגליך צו טאן דא, ווייל דער פלאץ איז זעהר באשרענקט. די לעצטע צייט איז אויך בעשאפען געווארען נייע העברעאישע און אידישע ליטעראטורען, ווי אויך ספרי דקדוק, צייטונגען, זשורנאלען, לעהר־ביכער וכדומה.

ס׳איז אבער אויך פאראן ווואונדערבארע שעהנע לעגענדעס, ערצעהלונגען, און פאלקס־מעשה׳לעך. די פאלקס־מעשה׳לעך זענען באשאפען געווארען פון דעם פאלק אליין. מוטערס פלעגען דערצעהלען זייערע קינדער שעהנע מעשה׳־לעך וואס זענען דערצעהלט געווארען אין פאלק און פונ׳ם פאלק. זיי פלעגען איבערגעהן פון מויל צו מויל, און זייער איינדרוק אויפ׳ן פאלק איז אימער געווען טיעף און זעהר שטארק, אמת איינדרוקספול! דער גייסט און די נשמה פון פאלק ליגען בעהאלטען אט אין דיזע פאלקס־מעשיות. דער אידי־שער לעבען פארצייטען, דער גלויבען, שטרעבען און קעמפען, חלומות און פאנטאזיעס, האפענונגען און אילוזיעס ווערען איבערגעגעבען דורך מעשה׳־לעך און לעגענדעס, וועלכע פלעגען דערצעהלט ווערען פון מענש צו מענש, און נאכהער איז דאס באהאלטען געווארען פאר די קומע־דע דורות דורך ווארט און דער עיקר דורך שריפט.

די פאלקס־מעשיות האבען גאנצע קאפיטלען פון דער אידישער מארטי־ראלאגיע פון פארצייטען און מיטעלאלטער, און שפיגלען אפ זעהר אפט דעם פייערדיגען שטארקען אידישען גלויבען און וועקען צו האפענונג און גיבען פליגלען צו דער אריגינעלער אידישער פאנטאזיע. דער אידישער פאלקלאר האט זעהר א גרויסען ערציהערישען און רעליגיעז־נאציאנאלען ווערטה: זעהר פיעלע אגדות, פאלקס־מעשיות און באלאדעס זיינען א געזונטע גייסטיג־רעלי־גיעז־נאציאנאלע שפייז פאר׳ן יונגען אידישען דור.

עס וואלט דערפאר געווען ווינשענסווערטה און פיליכט זעהר נויטיג, דאס עלטערען זאלען לייענען פאר זיך און פאר זייערע קינדער וואס מעהר

פון אונזערע שעהנע אידישע אגדות און פאָלקס-מעשה'לעך. מיט אַ שעהנע מעשה'לע קאָן מען געווינען די נשמה און די האַרץ פון דאָס אידיש קינד, און דאָס מיינט דאָך דאָס גרעסטע געווינס פון אונזער לעבען.

די גרויסע תפארת הגר"א תלמוד תורה האָט ניט יעצט די פינאַנציעלע מיטלען צו דרוקען אַ גרויסען בוך, וואָס זאָל ענטהאַלטען זעהר פיעל אגדות און אידישע פאָלקס-מעשיות, און דערפאַר דרוקען מיר יעצט וויפיעל עס איז מעגליך, נאָך די אומשטענדען נאָך, עס וואָלט אָבער ווירקליך געווען זעהר נויטיג פאַר עלטערען און פאַר קינדער אַ גרויסע זאַמלונג פון אידישע אגדות און פאָלקס-מעשות, געשריבען נאָך דעם אידישען גייסט, וועלכעס וואָלט געווען אַ נוצליכער אוצר פאַר דעם אַלטען און פאַר דעם יונגען דור.

עלילת דם.

פסח אין דער פריה. די גרויסע אלטע שוהל איז געפאקט פון מענער און פרויען. דער חזן באגייסטערט דעם עולם מיט זיין הארציגען יום-טוב'דיגען דאוונען. די מענער קוקען אריין אין די גרויסע פסח'דיגע מחזורים, שאקלען זיך און די ליפען מורמלען א שטילע הייליגע תפלה. פון דער ווייבערשער שוהל לאזען זיך הערען די הארציגע קולות פון די ווייבער, לייענענדיג די תחינות, און פלוצים עפענט זיך די אייזערנע טיר פון שוהל מיט גרויס גבורה.

עס לויפען אריין אין שוהל א גרויסע באנדע פון מענשען מיט געזיכטער פון טייפעל, מיט שטיינער, שטעקענס און וואפען, מיט א ווילדען געשריי: „א קריסטליכע קינד איז זינט נעכטען פארפאלען געווארען. איהר, פארפלוכטע אידען, האט עס גע'גנב'עט, כדי צו שעכטען דאס קינד, און זיין בלוט אויף פסח צו נוצען“.

א טויט שרעק איז אויף אלעמען געפאלען. א סקרוד געהט אריבער די לייבער, א פינסטערע אימה פאלט אין שוהל. פון המון געהט פלוצלינג ארויס א משומד, שפאנט גלייך צום אלטען ארון הקודש, און נעמט ארויס פון דארטען א טויטען, וועלכער איז געווען באהאלטען צווישען די הייליגע ספרים.

דער עולם ווארט אויפ'ן טויט, אויף א שרעקליכען מורא'דיגען טויט. מען זאגט ודוי, מען קלאפט אין הארצען על חטא, מען דערמאנט זיך אויף די פעלדער מיט קברים פון טאטעס, זיידעס, מוטערס, און קרובים געטויטעט פון שרעקליכע בלוטיגע בלבול-קרבנות.

אין דעם ווינקעל פון מזרח, נעבען ארון הקודש שטעהט דער רב פון שטאדט, דער טלית איבער'ן קאפ, א באוואוסטער הייליגער צדיק, ער קערט זיך אום צום עולם און רופט אויס: „דער גאט פון ישראל, דער שומר ישראל, ער קען וועקען א מת פון בית-עולם. אלמעכטיגער גאט! ווייז וואונדער!“ דער עולם פארהאלט דעם אטעם און ווארט אויף וואונדער.

און באלד האט דער טויטער גענומען זיך ריהרען, און שטעלט זיך אויף אויף זיינע פיס, און עס הערט זיך די הייליגע שטימע פון דעם רב: „נו, געה איצט און וויז, ווער האט באגאנגען דעם מארד". און באלד זעהט מען וואונדער. דער מת האלט דעם מסור אזוי ווי מיט צוואנגען, און ברייגנט איהם צום רב צו פיהרען, און ווען דער מת האט זיין ארבייט אפגעטאן, איז ער געפאלען צוריק א טוידטער ווי געווען.

דער רב שטעלט זיך צוריק אין זיין ווינקעל געבויגען, דער משומד באַ־קומט זיין פסק, און אידען ווערען באפרייט פון א שרעקליכען טוידט.

* * *

אין פנקס פון שטאדט האט די מעשה דער סופר ר' צבי באשריבען.

דער סדר ביי די מאראנען אין שפאניע.

דער יונגער שלמה הכהן פון ארץ ישראל האט באשלאסען צו באזוכען די גרויסע אידישע צענטרען פון דער גאנצער וועלט און קלייבען געלד פאר די ישיבות און תלמידי חכמים פון ארץ ישראל. עס האט גראדע פאסירט דאס די שיף האט איהם געבראכט נאך שפאניען, עס איז געווען ערב פסח. ער ווייס אז די אידען פון שפאניען זיינען פארפלוכט ביי די גויים און אז זיי, די אידען, רופען זיך מאראנען (פארפלוכטע). ער ווייס אז עס איז די גרעסטע געפאר אז מען זאל וויסען אז ער איז א איד, ווייל אין שפאניען אין יענער צייט ווען מען האט נאר דערוואוסט זיך ווער ס'היט די אידישע אמונה, פלעגט געטויטעט אדער פארברענט ווערען לעבעדיגערהייד אויפ'ן שייטער הויפען. און ער ווייס ניט ווער איז א איד, און עס איז א געפאהר צו פרעגען וועמען, און היינט ביינאכט דארף מען אפריכטען דעם סדר, מען טאר דאך ניט עסען קיין חמץ, וואס זאל ער טאן?

א פארצווייפעלטער און אומגליקליכער שפאנט ער ארום איבער די גאסען פון מאדריד און באשליסט צו באזוכען דעם מארק וואו עס ווערט פארקויפט די פארשידענע גרינסען וועלכע אידען מוזען דאס האבען פאר די סדר נאכט, און דארט — זאגט איהם דאס הארץ — וועט ער טרעפען א איד וועלכער קומט קויפען מרור און פארשידענע גרינסען פאר פסח.

ער באמערקט ווי עס קומט צו פאהרען א רייכע קארעטע אין וועלכע עס פאהרט א באריהמטער קאטוילישער גייסטליכער, און קויפט איין זעהר פיעל גרינס. ער געהט צו איהם צו און זאגט איהם: „נעם מיך צו דיר אהיים, איך האב דיר עפעס וויכטיגעס צו דערצעהלען". ווען זיי זיינען געקומען אין דעם פרעכטיגען פאלאץ פון דעם שפאנישען גייסטליכען, און ווען זיי ביידע האבען זיך פארשלאסען אין א באזונדער צימער, האט דער יונגער ארץ ישראל בחור צו איהם געזאגט: „מיין לעבען איז יעצט אין דיינע הענט, טו מיט מיר וואס דו ווילסט, זאלסט וויסען אז איך בין א איד, און איך פיהל מיט מיין גאנצען הארצען אז דו ביזט ניט נאר א קאטוילישער גייסטליכער באהאנגען מיט צלמים, נור אויך א גוטער באהאלטענער איד. איך וויל ניט עסען חמץ אום פסח, איך האב ניט וואו צו געהן, איך וויל האלטען פסח ביי דיר".

דער שפאנישער גייסטליכער האט זיך דערשראקען אויף טויט. ער האט מורא געהאט טאמער איז דאס א באהאלטענער אגענט פון דער שפאנישער רעגירונג, וועלכער האט דערגאנגען אז ער איז ווירקליך א איד, און דאן ווארט אויף איהם און אויף זיין פאמיליע א שרעקליכער טויט. נאכדעם אבער ווי דער יונגער שלמה האט איהם איבערצייגט אז ער איז באמת אן עלענדער פרומער איד, וועלכער זוכט שוץ אין זיין הויז, האט ער איהם באשווארען, אז ער זאל האלטען סוד, ווייל ער איז ווירקליך א איד, און דער סדר וועט אפגעריכט ווערען באהאלטענערהייד מיט פראכט און גלאנץ.

* * *

ערב פסח זיינען אלע געגאנגען אין דער קאטוילישער קירכע ווי אמת'ע גוטע קאטאליקען. צום סדר זיינען זיך צוזאמענגעקומען פיעל געסט, וויכטיגע באריהמטע רייכע און באוואוסטע פערזאנען. טיר און טויער זענען פאר־שלאסען געווארען, קיינער זאל זיי ניט שטערען אין דער צייט פון סדר. זיי זענען אלע אראפגעגאנגען אין קעלער, וועלכער איז געווען באלויכטען מיט טייערע לאמפען. עס איז געווען זעהר ליכטיג, ווי אינמיטען טאג. אויפ'ן הארצען ליכטיג און פרעהליך. אלע האבען זיך געפרייט, וואס זיי האבען זוכה געווען צו פראווען דעם סדר ווי גאט האט געבאטען. דער בעל־הבית האט זיי אלעמען געוויזען א פארבארגענע טיר צום גארטען. דאס איז גע־מאכט על כל צרה שלא תבוא, טאמער ווערט חלילה א סכנה, זאל מען קענען דורך דארטען אנטלויפען.

אלע זענען געזעסען אויף שיינע פאטעלען, מיט קישענס אונטערגעבעט. שלמה איז געזעסען אויבען־אן. ער האט דער ערשטער קידוש געמאכט מיט א הויכע קלינגענדע שטימע. דאס רוב געסט האבען ניט געקענט קידוש מאכען, בפרט די אינגערע וואס האבען ניט געלערנט קיין עברי. דער אורח האט זיי אלעמען מוציא געווען מיט זיין קלינגענדען זיסען קול. דאן האבען אלע איהם נאכגעטאן אין דער צערעמאניע, ביז צו לייענען די הגדה. די הגדה האט ער געלייענט אויף לשון קודש, און דער בעל־הבית פון הויז האט איבערזעצט אויף שפאניש, אלע זאלען פארשטיין. דער אורח האט אויך געטרייסט זיי און האט זיי דערצעהלט וועגען ארץ ישראל לעבען. א שרעק־ליכער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון אלעמענס הערצער ווען מען האט זיך דערמאנט וואס וועט ווערען פון די קינדער, פון דעם יונגען דור. צי

װעלען זײ נאָך װיסען פון אידישקײט? און שלמה טרײסט זײ מיט די װערטער פון דער הגדה „השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין“, און ער ערקלעהרט זײ די װערטער פון דער הגדה, „שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם“, אין יעדען דור װילען די אידישע שונאים אונז פאַרניכטען, אבער גאָט איז אונז תמיד מציל פון זײערע הענד.

אזוי האָט ר׳ שלמה אַלעמען געטרײסט. מען איז װידער געװאָרען פרעהליך. דער בעל־הבית האָט זיך דערמאָנט אָן דאָס אידיש־שפּאַנישע פאָלקסליד, װאָס די מאַראַנען פלעגען זינגען אויף שפּאַניש, געמישט מיט לשון קודש׳דיגע װערטער:

איל קי אים גראַנדא אי אינסאַלסאַדא
סאַקאַרא אה סו פּעבלאַ אמאַדא,
דע גלות טאַל דעפּראַבאַדא.
ע גאַזאַרמאַס,
ע קאַנטאַרעמאַס,
קאַל לאַ בענעדא דעל גואַל.
נו איי אַטרא כמו אל.

(דער גרויסער אַלמעכטיגער גאָט װעט אונז באַפרײען אין זײן גנאָד, װי װעלען מיר צוזאַמען זינגען! װי װעלען מיר צוזאַמען זינגען! װי װעלען די לידער קלינגען! צום ליבען העלפער אין דער נויט, װער איז אזוי גרויס װי אונזער גאָט!)

דער עולם איז געװאָרען זעהר באַגײסטערט. בײ פיעלע האָבען זיך געװיזען טרעהרען אין די אויגען. דאָס זענען געװען טרעהרען פון שמחה, פון פרייד, פון טיפער אמונה און שטאַרקען בטחון אין דעם גרויסען אידישען גאָט, װאָס האָט שוין אזוי פיעל װאונדער געטאָן פאַר זײן ליבען און הייליגען פאָלק ישראל.

* * *

פּלוצלונג האָבען זיך געלאָזט הערען שװערע טריט און אַ קלינגערײ פון אײזערנע געװעהר. „לעשט די ליכט!“ — האָט אַ געשרײ געטאָן דער בעל־הבית, אַ שפּרונג טועגדיג פון זײן אָרט און האָט אַלע לאַמפּען און ליכט אויסגעלאָשען, אבער אין זעלבען אויגענבליק איז װידער ליכטיג געװאָרען פון בלענד־לאַמטערנען. עס האָבען זיך באַװיזען סאָלדאַטען מיט געװעהר

און גלחים מיט צלמים אין די הענט. די מאראנען זענען אלע געבליבען זיצען ווי פארשטיינערט פון שרעק, די פרויען זענען חלשות געפאלען.

בינט די מאראנישע הינט, שמידט זיי אין קייטען און פיהרט זיי אפ אין געפענגעניש. דארט וועלען זיי שוין האבען זייער פסק. — האט גע־שריען דער קאמאנדיר פון דער וואך.

אלע זענען געווארען מיט שטריק געבונדען און אוועקגעפיהרט אין גע־פענגעניש, אויסער — דער ארץ ישראל בחור שלמה הכהן און דעם בעל־הבית שעהנע געראטענע טאכטער דאנא גראציא, וועלכע זענען באלד אין אנפאנג אנטלאפען דורך דער פארבארגענער טיר און פארשוואונדען געווארען אין גארטען.

מען האט די ארעסטירטע אויפ'ן באפעל פון קעניג דאן מאנועל פאר־שריבען אין רעגיסטער פון די פארזינדיגטע און ארויסגעלאזען דערוויל פריי, אויפ'ן גרונד פון קעניגליכען געזעץ פאר די מאראנען. אלע זענען דערוויל ארויס פריי. שלמה און דאנא גאציא דאבען באשלאסען צו מיטנעמען די עלטערען פון דאנא גראציא, אנטלויפען נאך ארץ ישראל און דארט חתונה האבען כדת משה וישראל.

זעהר פארזיכטיג און מיט גרויס מסירת־נפש איז זיי געלונגען צו אנט־לויפען פון שפאניען. מיט גרויס מסירת־נפש איז זיי געלונגען צו קומען נאך ארץ־ישראל, וואו די חתונה פון שלמה הכהן מיט דאנא גראציא האט שטאטגעפונען אויף איינע פון די בערג פון ארום ירושלים. און זיי האבען פייערליך באשלאסען צו אויפוועקען דעם געוויסען פון דער וועלט און רא־טעווען די אידען פון די שארפע נעגעל פון די שפאנישע אינקוויזיטארען.

דער מהרי"ל מפּראַג און זיין גולם.

אַם רוב אַלטע אידישע מעשות וועגען עלילת דם איז פאַר־בונדען מיט דער אַלטער בעהמישער שטאָדט פּראַג, און מיט איהר אַלטער שוהל און מיט דעם נאָמען פון דעם מהרי"ל. אַט דער מהרי"ל האָט דאָס באַשאַפען דעם גולם, וועלכען ער האָט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפיהרט זיינע שליחות'ן, צוריק פאַרוואַנדעלט אין אַ שטיק ליים.

אין יענער צייט (דעם ערשטען פערטעל פון דעם זעכצעהנטען יאָהר־הונדערט) האָבען די אידען פון בעהמען, אונגאַרן און שפּאַניען געהאַט אויס־צושטעהן אַ סך רדיפות: עס פלעגט ניט אַריבערגעהן קיין פּסח, אין וועלכען מען זאָל ניט האָבען אונטערגעוואָרפען אין אַ אידישער שטוב אַ טויט אָדער דער'הרג'עט קינד.

דער מהרי"ל איז געווען אַ „פאַרבאָרגענער בעל־יועץ" פון דעם מלך, דערפאַר איז איהם געווען גרינגער צו קעמפען אַנטקעגען דעם עלילת דם און דערווייזען וואָס פאַר אַ שקר דאָס איז.

עס איז אָבער געווען איינער אַ כומר מיט דעם נאָמען טאַדעאוש, אַ גרויסער מכשף און אַ פאַרביסענער פיינד פון דעם אידישען פאָלק, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו מאַכען בלבולים. אַט פאַר דעם כומר האָט דער מהרי"ל שטאַרק מורא געהאַט. דעריבער האָט דער מהרי"ל אָפּגעמאַכט ביי זיך אַרויסצורופען עפּעס אַ שטאַרקע קראַפט, וואָס זאָל זיך קענען ראַנגלען מיט'ן כומר.

האָט דער מהרי"ל אַנגעפרעגט אין חלום: מיט וואָס פאַר אַ כח זאָל ער קעמפען אַנטקעגען דעם כומר? האָט ער באַקומען אַן ענטפער נאָכ'ן אַלף־בית אין לשון קודש, וואָס זיין טייטש איז געווען: „באַשאַף אַ גולם פון ליים, וועסטו אויסראָטען די שונאים און פאַרצוקער פון דעם אָרימען ישראל". דעמאָלט האָט דער מהרי"ל צוגערופען זיין איידים, יצחק בן שמשון הכהן, און זיין בעסטען תלמיד, יעקב בן חיים שמשון הלוי, און האָט זיי בסוד דער־צעהלט דעם ענטפער, וואָס ער האָט געהאַט אין חלום, און האָט געזאָגט, אַז די צעהן ווערטער פון דעם ענטפער זענען פאַרבאָרגען אַזעלכע צירופים פון שמות, וואָס מיט זיי קאָן מען אַלע מאָל באַשאַפען אַ לעבעדיגען מענשען

פון שטויב. און ער האט זיי פארזאגט, זיי זאלען צו קיין מענשען דעם סוד ניט דערצעהלען. און ער האט זיי איבערגעגעבען, וואס פאר א הכנות זיי זאלען מאכען גאנצע זיבען טעג.

אין דעם יאהר פינף טויזענד דריי הונדערט פערציג לבריאת עולם (1580), אין דעם צוואנציגסטען טאג פון חודש אדר, פיער אזייגער ביי דער נאכט, זיינען זיי זאלבע דריט ארויס פון דער שטאדט פראג צו דעם טייך מאלדאווא און האבען אויפ'ן ברעג געפונען א ליימיגען ארט. אין דעם ליים האבען זיי איינגעקריצט די געשטאלט פון א מענשען וואס ליגט דריי איילען די לענג, מיט א פנים, מיט הענט און פיס. דערנאך האבען זיי זיך אוועקגעשטעלט ביי די פיס פון דעם געשטאלט, מיט זייערע פנים'ער צו זיין פנים. און דער מהרי"ל האט געהייסען זיין איידים ארומגעהן ארום דער געשטאלט זיבען מאל פון די פיס ביז'ן קאפ, פון דער רעכטער זייט, און זיבען מאל פון קאפ ביז די פיס, פון דער לינקער זייט, און מאכען דערביי די נויטיגע צירופים. צום סוף פון זיין ארומגעהן איז דעם גולם'ס גוף רויט געווארען ווי א פלאַמענדיגע קויהל. דערנאך האט ער געהייסען זיין תלמיד אויך אזוי ארומגעהן זיבען מאל ארום דעם גולם און מאכען אנדערע צירופים. איז דעם גולם'ס גוף פארלאשען געווארען. און עס האט פון איהם גענומען ארויסזעצען א דאמף, און האר האבען זיך באוויזען ביי איהם, ווי ביי א דרייסיג יעהריגען מאן, און אויך נעגעל אויף די פינגער. דעמאלט האט דער מהרי"ל געמאכט זיבען הקפות. און אז אלע הקפות האבען זיך געענדיגט, האבען אלע דריי געזאגט דעם פסוק, „ויפח באפיו נשמת חיים ויהי האדם לנפש חיה" („און ער האט אריינגעהויכט אין זיינע נאזלעכער א הויך פון לעבען און דער מענש איז געווארען א לעבעדיגער נפש"). דעמאלט האט דער גולם אויפגעעפענט זיינע אויגען און האט גענומען קוקען פאר'חידוש'ט. האט דער מהרי"ל אויף איהם גוזר געווען, ער זאל זיך שטעלען אויף די פיס. האט ער זיך פלוצים אויפגעשטעלט. האבען זיי איהם אנגעטאן אין די מלבושים פון א שמש, וואס זיי האבען געבראכט מיט זיך, און דער גולם איז געווארען ווי אלע מענשען: געזעהן, געהערט, פארשטאנען, אבער קיין כח הדבור האט ער ניט געהאט.

ב.

זעקס אזייגער, נאך פאר באגינען, זיינען זיי שוין געגאנגען צוריק אהיים זאלבעפערט. אין וועג האט דער מהרי"ל געזאגט צום גולם: „זיי וויסען,

אז מיר האבען דיך באשאפען פון שטויב, כדי דו זאלסט אפהיטען אידען פון אלע צרות און פיין, וואס זיי ליידען פון זייערע שונאים. דיין נאמען וועט זיין יוסף, זיין וועסטו ביי מיר, און דיין ארט וועט זיין אין בית־דין שטיבעל. א בית־דין שמש וועסטו זיין. און דו מוזט מיך פאלגען אלץ, וואס איך וועל דיר הייסען, אפילו געהן אין פייער, אדער אריינווארפען זיך אין תהום, אדער שפרינגען פון שפיץ טורעם. און דו טארסט זיך ניט אפשטעלען ביז דו וועסט ניט אויספירען ביז׳ן סוף איטליכען באפעהל מיינעם״.

פאר זיין הויז־געזינד האט ער דעם סוד ניט דערצעהלט. ער האט זיי געזאגט, אז געהענדיג אין דער פריה צו דער טבילה, האט ער אין גאס באגעגענט א שטומען ארימאן און האט איהם אויס רחמנות אויפגענומען פאר אן אונטער־שמש ביים בית־דין. ער האט אבער פארזאגט אז מען זאל זיך מיט יאסעלען ניט שאפען פאר שטוביגע ארבייטען.

דער גולם פלעגט שטענדיג זיצען אין בית־דין שטוב, אין ווינקעל, ביים ברעג טיש, דעם קאפ אנגעשפארט אןביידע הענט און קיין זאך האט איהם ניט געארט. דערפאר האבען איהם אלע א נאמען געגעבען „יאסעלע גולם״, אייניגע אבער האבען איהם אויך גערופען „יאסעלע שטומער״.

אין דעם גולם איז ניט געווען אפילו קיין ניצוץ פון א יצר הרע אדער א יצר טוב. אלץ וואס ער האט געטאן, האט ער געטאן אויס מורא פאר׳ן מהרי״ל. דער גולם איז קיינמאל קראנק ניט געווען. ביז צעהן איילען אין דער הויך און צעהן איילען אין דער טיף איז ניט געווען קיין זאך אויף דער וועלט, וואס דער גולם זאל ניט קאנען דורכפיהרען. גייסטיג איז ער גע־שטאנען העכער פאר א חיה, אבער עפעס נידעריגער פאר שדים און רוחות. קיין קויל פלעגט איהם ניט נעהמען, אין פייער האט ער ניט געברענט און אין וואסער ניט געזונקען. די צייט פון טאג פלעגט ער קאנען טרעפען נאך די פארשיידענע ריחות, וואס טראגען זיך פון גן עדן התחתון, אלע שעה א באזונדער ריח.

מיט דער הילף פון דעם גולם האט דער מהרי״ל באוויזען א סך מופתים און אויפגעדעקט א סך בלבולים. אז דער מהרי״ל פלעגט דארפען שיקען דעם גולם אין א באזונדערס מסוכן ארט, פלעגט ער איהם אנטאן אויפ׳ן האלז א קמיע פון הירש פארמעט, און דער גולם פלעגט ווערען א רואה ואינו נראה. אלע יאהר, פון יום־כיפור ביז חול המועד פסח, פלעגט דער גולם

דארפען אומגעהן איבער'ן שטאָדט, דערהויפּט אין געטאָ, בגנבה אַרומזוכען קריסטען און אַרומטאַפּען אין זייערע וועגענער. פלעגט ער ביי איינעם געפינען באַהאַלטען אַ טויט קינד, פלעגט ער איהם תיכף בינדען מיט'ן שטריק, וואָס אויף זיינע לענדען, אַפּפיהרען אין ראַטהויז און איבערגעבען צו דעם הויפּט וועכטער.

דערהויפּט פלעגט דער גולם אויפדעקען די בלבולים, וואָס זענען אויסגעטראַכט געוואָרען פון דעם כומר טאַדעאוש. האָט אַ משומדת'טע אָנגערעדט פון כומר, פאַרשפּרייט אַ בלבול, אַז די אידען האָבען געקוילעט אַ קריסטליכע דינסט מיידעל, און איהר בלוט פאַרטיילט צווישען זיך אויף מצות, פלעגט דער גולם די דינסט מיידעל אויפזוכען, און זי ברענגען צו שלעפּען אין ראַטהויז. אָניט, פלעגט ער אויפדעקען דעם בלבול דורך דעם, וואָס ער ווייזט אָן דעם קבר, פון וואַנען מען האָט אַרויסגענומען דעם מת, און ברענגט אַרויס, אַז גראָד דעם מת האָט מען אונטערגעוואָרפען אידען.

איז דאָך די קשיא, ווי אַזוי פלעגט דער גולם טרעפען אַז דער קבר איז ליידיג? איז דער תירוץ, אַז דער מהרי"ל האָט איהם מגלה געווען, אַז דאָס ערשטע יאָהר נאָך דעם מענשענ'ס טויט שוועבט זיין נשמה אַרום דעם קבר, ווייל זי האָט נאָך ניט אינגאַנצען איבערגעריסען איהר צובונד צום גוף. און אַז דער גולם, וואָס האָט געקאָנט זעהן גייסטיגע זאַכען, פלעגט באַמערקען אַז אויף אַ פרישען קבר פעהלט די שוועבענדיגע נשמה, האָט ער דערפון געדרונגען, אַז דער קבר איז לעדיג.

דער פינפער טורעם און דאָס טויטע קינד.

אין דער שטאָדט פּראַג איז אַמאָל אַנטקעגען דער שוהל גע־שטאַנען אַ גרויסער אַלטער טורעם, וואָס האָט זיך גערופען דער פינפער טורעם. פינף ווענט האָט ער געהאַט, וואָס זיינען אַרוים אויף פינף גאַסען; פאַר די ווענט זיינען געשטאַנען פינף הויכע זיילען פון געשליפענעם שטיין, צווישען די זיי־לען — צו פינף גרויסע פענסטער, און אויפ'ן דאַך פינף הויכע טורעמס מיט מענשליכע פיגורען.

און ווייל דער טורעם איז געוועזען איינגאַנצען פאַרלאָזען, האָבען זיך דאָרט באַזעצט אָרימע לייט. אונטער'ן טורעם האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע הייהל. אָבער די אָרימע לייט האָבען געציטערט אריינצוגעהן אין דער הייהל, ווייל אַ קלאַנג איז געגאַנגען, אַז שדים שפּרינגען דאָרט אום און וואַרפען אַן אַן אימה אויף יעדערען, וואָס לאָזט זיך צו זיי אַראָפּ, שליידערען שטיי־נער און רופען אַרוים בייזע וויכערס.

איינמאָל, ערב פּסח, טרעפט אַזאַ מעשה. דער מהרי"ל איז מבער חמץ מיט אַ ליכט און פלוצים ווערט דאָס ליכט פאַרלאָשען אין דער האַנד פון אב־הם חיים דער שמש, וואָס האָט איהם צוגעלויכטען. דער מהרי"ל אָבער פלעגט זיך נוהג זיין, ניט מתפלל זיין און ניט זאָגען קיין זאַך אויף אויס־וועניג, נאָר פון סידור, גיט ער אַ צייכען דעם שמש ווידער אַנצוצינדען דאָס ליכט, ווייל ער האָט געמיינט, עס איז נאָר על־פּי סיבה. עטליכע מאָל האָט דער שמש געפּרובירט אַנצינדען דאָס ליכט און אַלע מאָל פלעגט עס זיך אויסלעשען. בלייך פון שרעק איז געוואָרען דער מהרי"ל ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס ניט גלאַט.

הייסט דער מהרי"ל אברהם חיים דעם שמש, ער זאָל צוטראָגען דעם סידור צום נר תמיד, וואָס ברענט ביי דער וואַנט, און זאָל איהם פירזאָגען פון סידור פאַר'ן שיין פון דעם נר תמיד הויך אויפ'ן קול. דער שמש פאָלגט, און נאָך אַלץ אַ דערשראָקענער פון דעם, וואָס'ט פּאַסירט, געהט ער צו צום נר און הויבט אַן זאָגען. אָבער בעת ער איז געקומען צו די ווערטער: „דאיכא ברשותי" האָט ער גאָר אַ זאָג געטאָן: „דאיכא בחומשי". דער מהרי"ל

שטעלט זיך אפ, גיט א צייכען דעם שמש, אז ער זאגט א גרייז. אבער דער שמש, נאך מעהר דערשראקען, לייענט צום צווייטען מאל „דאיכא בחומשי".

דא האט דער מהרי"ל א קלאפ געטאן מיט זיין גודל, ווי ער פלעגט אלע מאל טאן, בעת ער פלעגט דערהערען עפעס א וואונדערליכע זאך און האט הויך אויסגעשריען:

„איך זעה איצטער, אז עס גרייט זיך אן א צרה אויף יעקב'ס הויז און אז שונאים ווילען אויסלעשען דאס ליכט פון ישראל. און קלאר איז מיר דער חלום, וואס איך האב געזעהן אום שבת הגדול".

דערנאך איז ער אליין צוגעגאנגען צום נר תמיד, צוגעשטעלט א בענקעל און מיט דעם סידור אין דער האנט, האט ער געזאגט אלץ וואס מען דארף, ווי ס'דארף צו זיין, און האט געהייסען אלעמען געהן אהיים. געבליבען מיט איהם זיינען נאר זיין איידים, רבי יצחק בן שמשון הכהן, דער אלטער שמש, רבי אברהם חיים און דער אונטער שמש, יאסעלע גולם.

האט זיי דער מהרי"ל דערצעהלט, אז ער האט געזעהן אין חלום, ווי פון דעם פינפער טורעם שלאגט א שטארק פייער, ווי ביי א שרפה. און א גרויסער פייער פלאם האט זיך אפגעריסען פון טורעם און זיך א ווארף גע־טאן אין די פענסטער פון דער גרויסער שוהל, בשעת זי איז געוועזען פול מיט מתפללים. האט ער זיך אין שלאף שטארק דערשראקען, אנגעהויבען הויך שרייען און זיך אויפגעכאפט אין גרוים פחד.

און דער מהרי"ל האט געזאגט צו די דריי: „איצט פארשטעה איך אז אין פינפער טורעם איז אנגעגרייט א גרויסער בלבול און א גרויסע סכנה פאר די אידען פון דער שטאדט פראג, און אז דערפאר האט מען עס פון הימעל אריינגעלייגט אין די לעפצען פון רבי אברהם חיים דאס ווארט „חומשי", כדי דערמיט אנצודייטען, אז מען מוז צורייסען די נעץ וואס מען האט פאר אונזער קהלה קדושה אויסגעשפרייט אין פינפער טורעם".

און דער מהרי"ל האט זיך גענומען נאכפרעגען וועגען דעם טורעם. האט ער זיך דערוואוסט, אז אונטען אין טורעם געפינט זיך א פארבארגענע הייהל, וואס פיהרט אין „גרינעם קלויסטער" — דעם זעלביגען קלויסטער, וואו עס וואוינט דער כומר טאדעאוש. און אז דער מהרי"ל האט זיך דערוואוסט דערפון, האט ער פארשטאנען, אז דער כומר האט אנגעגרייט אין דער הייהל א בלבול אויף די אידען.

און אזוי איז דאס טאקע געווען. צוויי וואכען פאר פסח, ווען דער פריהלינג איז געקומען און די קינדער פון די קלויסטער קינדער האבען גע־נומען שפילען אין סאד, האט טאדעאוש איינמאל אין אן אווענט פארנארט צו זיך אהיים א אינגעל, האט איהם אוועקגעפיהרט אין קעלער, געשטאכען אין אויפגעזאמעלט זיין בלוט אין א כלי. דערנאך האט ער פאנאנדערגע־גאסען דאס בלוט אין קליינע גלעזעלעך און אנגעקלעפט אויף זיי פאפירלעך אייף אידיש מיט די נעמען פון אלע חשוב׳ע אידען אין שטאדט, און אויך די נעמען פון דעם מהרי״ל, זיינע זיהן און איידים. דערנאך האט דער כומר אריבערגעטראגען די גלעזלעך און דעם בר מינן פון זיין קעלער אין קעלער פון פינפער טורעם און האט זיי באהאלטען אין אן אלטען קאסטען, וואס איז דארטען געשטאנען.

ווען די עלטערען פון דעם דער׳הרג׳עטען קינד האבען זיך געכאפט אז דאס קינד איז ניטא און האבען עס ניט געקאנט געפינען, האט דער כומר גענומען רעדען צו זיי, אז דאס קינד איז פון אידען געשטאכען געווארען צוליב בלוט אויף מצה. ער האט זיי געגעבען אן עצה אריבערגעהן צום הויפטמאן פון דער וואכט און בעטען איהם, ער זאל דורכזוכען אלע אידישע הייזער. און דער מוטער פון דעם קינד האט ער געגעבען אן עצה, זי זאל זאגען דעם הויפטמאן, אז זי האט אליין געזעהן, ווי א איד האט עפעס גע־טראגען איבער׳ן פעלד אין א זאק און ס׳האט אויסגעזעהן, אז אין זאק ריהרט זיך א לעבעדיג באשעפעניש. איז די מוטער געלאפען צום הויפטמאן און האט איהם אלץ געזאגט, ווי דער כומר האט זי געלערנט.

אבער ניט אומזיסט שטעהט געשריבען: „לא ינום ולא יישן שומר ישראל״. ווי נאר מען האט פון הימעל געלאזט וויסען דעם מהרי״ל וועגען דער נאהענטער סכנה, האט ער זיך געמאכט א הארץ און האט נאך האלבע נאכט, ניט קוקענדיג אויף די שדים, וואס אין דער הייהל, זיך געלאזט געהן אהין מיט זיינע צוויי דינער, רבי אברהם חיים און יאסעלע גולם. דריי דיקע פאקעלען און געצייג אויף אויסשלאגען פייער און זיין שטעקען האט ער גענומען מיט זיך, און אזוי זיינען זיי געגאנגען שטיל און אפגעהיט, קיינער זאל זיי ניט דערזעהן.

און אז זיי זיינען צוגעקומען צום קעלער, האבען זיי אנגעצונדען אלע דריי פאקעלען. נאר ווי זיי האבען געעפענט די טיר, אזוי האט זיך אויפ־געהויבען א וויכער. דער קעלער איז פול געווארען מיט שטויב און די פאקעלען

האבען זיך גענומען לעשען. און א בילעריי פון א סך הינט האט זיך געלאזט הערען. איז אנגעפאלען אויף דעם מהרי"ל און זיינע שמשים א גרויסער פחד. רופט זיך אפ דער מהרי"ל צו די שמשים: „האט קיין מורא ניט. נאר בלייבט שטעהן אויף אן ארט". און דער מהרי"ל און ר' אברהם חיים האבען דריי מאל געזאגט א תפילה, איז דער וויכער שטיל געווארען און דער שטויב האט זיך איינגעלעגט. און די בילעריי פון די הינט איז פאר־שטומט געווארען. אבער אז דער מהרי"ל און די שמשים האבען גענומען געהן איבער'ן קעלער, האבען שטיינער גענומען פאלען אויף זייערע קעפ. האט דער מהרי"ל געזאגט צו יאסעלע גולם: „געה דו אליין, ווארים אויף דיר האבען די שדים קיין שליטה ניט. זוך אין אלע ווינקעלעך און אויב דו וועסט עפעס געפינען, ברייננ עס מיר".

דער מהרי"ל און דער שמש זענען אפגעטראטען צוריק צו דער טיר און דער גולם איז אליין אוועק איבער דער הייהל מיט א ברענענדיגען פאקעל אין דער האנט. באלד האט ער געפונען דעם קאסטען, וואו דער הרוג איז געלעגען איינגעוויקעלט אין א טלית, און נאך א קאסטען, אין וועלכען עס זענען געווען א דרייסיג גלעזלעך מיט בלוט, מיט די אידישע צעטעלעך אויף זיי. אז יאסעלע גולם האט דאס אלץ געבראכט, האט דער מהרי"ל געהייסען איהם נעמען דאס טויטע קינד און אריבערטראגען איבער דער הייהל אין דעם כומר'ס קעלער אריין און באהאלטען דאס דארטען צווישען די פעסער וויין אזוי, עס זאל ניט זיין ניכר.

און דער גולם האט אזוי געטאן. דערנאך האט דער מהרי"ל באפוילען אויסגראבען א גרוב אין קעלער, צוברעכען אלע גלעזלעך און באגראבען דאס אין גרוב, אז עס זאל קיין סימן ניט בלייבען. דערנאך זיינען אלע דריי אוועק אהיים, מיט שמחה און פרייד.

אין דערפריה, דעם ערשטען טאג פסח, איז אין אידישען קווארטאל פלוצים געקומען דער הויפטמאן פון שטאדט מיט א סך וואכלייט און זעל־נער, אויך דער כומר טאדעאוש איז געווען מיט זיי. די זעלנער און וואכלייט האבען תיכף גענומען דורכזוכען די אידישע הייזער. פריהער האבען זיי געזוכט אין דער גרויסער שוהל, דערנאך ביי דעם מהרי"ל און אין די הייזער פון די חשובי העיר. פארבייגעהענדיג דעם פינפער טורעם, מאכט דער כומר צום הויפטמאן: 'מען דארף אין דעם פינפער טורעם אויך א זוך טאן, ווייל די אידען טוען אפ אזעלכע מעשים אין חורבות". האט מען געזוכט אין טורעם און אין קעלער, אבער מען האט גאר נישט ניט געפונען.

אז עס איז אונטערגעקומען זייער פאסכא, שיקט דער כומר זיין דינער, וואס איז געווען דער פאטער פון דער׳הרג׳עטען קינד, אין קעלער אריין זעהן, וועלכע ווייגען מען דארף נאך צוקויפען אויף חגא. איז דער דינער אראפ אין קעלער און נאך איהם איז נאכגעלאפען א הינטעל. לויפט עס ארום איבער׳ן קעלער און נישטערט, ווי די טבע איז פון הינט, ווען זיי שפירען א שטארקען ריח. האט עס דערשפירט דעם ארט, וואו דער הרוג איז געלעגען און האט גענומען שטארק בילען און שפרינגען ארום דעם ארט. האט דער דינער פארשטאנען, אז דאס איז ניט גלאט, האט ער גענומען זוכען און האט געפונען דעם גוף פון זיין קינד.

איז ער אין גרוים איילעניש אוועק צום הויפטמאן און איהם אלץ דער־ציעהלט. איז געקומען דער הויפטמאן מיט די זעלנער אין קעלער אריין און האבען דערזעהן, אז דעם דינער׳ס רייד זיינען ריכטיג. און דער דינער האט גענומען שרייען, אז דאס האט דער כומר גע׳הרג׳עט זיין זוהן, כדי אונטער־צואווארפען איהם די אידען. דער כומר האט תחילת געלייקענט און גע־מוטנה׳ט, אז ער ווייס פון קיין זאך ניט. אבער דערזעהן, אז עס איז ארויס ווי בוימעל אויפ׳ן וואסער, האט ער זיך מודה געווען. האט מען איהם גע־משפט און באשטראפט. כן יאבדו.

די דאָזיגע נאַכט פון פסח.

אין פראַג איז געווען אַ כומר, פלעגט ער תמיד האָבען וכוחים מיט ר׳ יונתן פרעגער אין ענינים פון אמונה. דער כומר פלעגט ברייגגען ראיות, אַז די נוצרי׳שע אמונה איז אמת, און ר׳ יונתן פלעגט די ראיות אָפּשלאָגען און אויפוויזען, אַז די אידישע אמונה איז אמת.

איין מאָל זאָגט דער כומר צו ר׳ יונתן:

— לאָמיר זיך אַמאָל בייטען מיט די טענות. איך וועל האַלטען פאַר דער אידישער אמונה און דו — פאַר דער נוצרי׳שער.

— רעכט. — איז ר׳ יונתן מסכים.

— זעה, — הויבט אָן דער כומר. — אידען פראַוועו דעם יום־טוב פסח, ווייל זיי זיינען געווען קנעכט ביי פרעה׳ן אין מצרים און אַרויס מעבדות לחרות. אָבער ווי קומען גויים האָבען אַ יום־טוב פסח? וואָס פאַר אַ שייכות האָבען זיי מיט יציאת מצרים?

— ניין, — ענטפערט ר׳ יונתן, — גויים האָבען אַ גרויסע שייכות צו יציאת מצרים. ווען אידען וואָלטען נישט אַרויס פון מצרים, וואָלטען גויים קיין גאָט נישט געהאַט.

* * *

ר׳ זונדעל סאַלאַנטער איז געווען אַ גרויסער מתמיד. איז תמיד געזעסען על התורה ועל העבודה, זיך ניט פאַרגונען אפילו קיין צייט אויף צו עסען.

איינמאָל האָט ער פון גרויס התמדה אָוועקגע׳חלש׳ט, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז מ׳האָט איהם בשום אופן ניט געקענט דערמינטערען. האָט׳ן געבראַכט דעם שטעטעלשען רופא. האָט ער געגעבען אַ מיטעל — אַרויסרייסען דעם גע׳חלש׳טען אַ צאָהן, וועט ער פון ווייטאָג קומען צו זיך.

און אויפ׳ן אָרט האָט דער רופא שוין געטאָן די רפואה.

אַז ר׳ זונדל איז געקומען צו זיך און דערשפּירט דעם אַרויסגענומענעם צאָהן, האָט ער אַ קרעכץ געטאָן:

„אוי, וועה, ווי וועל איך איצט מקיים זיין די מצוה פון עסען מצה אום פסח?“

ר׳ ישראל סאלאנטער פלעגט זיך נוהג זיין אליין שטעהן ביי זיינע מצות, אכטונג געבען אויפ׳ן קנעטען און אויפ׳ן באקען און זיך עוסק זיין אין דער מצוה.

איינמאל פאר פסח, איז ער עפעס ניט געזונט געווארען און האט ניט געקענט געהן צו די מצות. זיינען די תלמידים אליין געגאנגען. איידער זיי זיינען אוועק פרעגען זיי איהם:

— רבי, אויף וואס זאלען מיר בעיקר אכטונג געבען?

— דער עיקר — ענטפערט זיי ר׳ ישראל — זאלט איהר זעהן, אז מ׳זאל זיך ניט בייזערען אויף דער קנעטערען, זי איז נעבאך אן אלמנה.

* * *

צו ר׳ יאשע־בער איז אמאל פאר פסח געקומען א איד מיט אזא שאלה:

— רבי, מעג איך יוצא זיין די ארבע כוסות מיט מילך?
— זיינט איהר חלילה קראנק? — פרעגט דער רב.
— כ׳בין ב״ה געזונד, — ענטפערט דער איד, — נאר וויין — זאגט ער מיט א האלבען מויל — איז האי־יאהר פאר מיר צו טייער.

רופט ר׳ יאשע־בער דער רבי׳צן און הייסט איהר געבען דעם אידען פינף און צוואנציג רובעל. כדרך הטבע וויל דער איד לכתחילה ס׳געלט ניט נעמען. ער איז געקומען פרעגען א שאלה, אבער, חלילה, ניט בעטען. נאר ר׳ יאשע־בער האט איהם משדל געווען, אז דאס גיט ער איהם בתורת הלואה, השי״ת וועט איה״ש העלפען, וועט ער אפגעבען.

אז דער איד איז אוועקגעגאנגען, פרעגט די רבי׳צן:

— וואס האסטו איהם עפעס געגעבען א גאנצען פינף און צוואנציגער? וויין אויף ארבע כוסות קען מען, דאכט זיך, קויפען פאר צוויי־דריי רובעל?

— וואס פארשטעהסטו דא ניט? — ענטפערט איהר ר׳ יאשע־בער. — ס׳טאר געהערט ווי דער איד האט געפרעגט, צי מעג ער יוצא זיין די ארבע כוסות מיט מילך. ווי ביי לייטען מיט פיש און פלייש, וואלט ער דאך קיין מילך ניט געטארט טרינקען צום סדר, איז דאך א סימן אז ער מאכט קיין פסח ניט, האב איך איהם געגעבען, ער זאל האבען אויף פסח.

אין וואלאזשין איז געווען א מנהג, אז אלע ישיבה־לייט, וואס זיינען ניט געפאהרען אויף פסח אהיים, זיינען געווען פארבעטען צום ראש־ישיבה אויף די סדרים. אזעלכע זיינען איטלאכס יאהר געווען א שעהנע פאר צענד־ליגער מנינים. טייל פלעגען בכיון ניט פאהרען אהיים, כדי כאטש איין מאל האבען די זכיה צו זיין צו די סדרים ביים ראש־ישיבה. און ס'איז טאקע געווען א תענוג צו זעהן, ווי ר' הערש־לייב מיט'ן עולם ישיבה־לייט האבען גע־פראוועט דעם סדר. ביז פארטאג איז'ן ניט אוועק פון סדר טיש.

דער רבי'צן, ר' הערש־לייב'ס ווייב, איז עס ניט ניחא געווען. כדרך הטבע, אן אשה. אגב איז טאקע געווען א גרויסע הכבדה פאר איהר, אנ־גרייטען פאר אן עולם מענשען צו עסען. זי מיט די דינסטען פלעגען פאר־מאטערט ווערען.

איינמאל א פאר פסח, האט זי אנגעהויבען איינ'טענה'ן מיט ר' הערש־לייב'ן מבטל מאכען דעם מנהג. זאלען די ישיבה־לייט פארען אהיים אויף פסח, אדער פראוועט די סדרים וואו זיי עסען א גאנץ פסח. ר' הערש־לייב האט, פון שלום־בית וועגען, כמעט ווי מסכים געווען.

די זאך איז דערגאנגען צו די ישיבה־לייט. האבען זיי אנגעהויבען זיך בונטעווען. סטייטש, מבטל מאכען א מנהג — זייערס א חזקה.

האט'ן זיך אויפגעקליבען אין דער שטיל און אפגעמאכט אנצושרייבען א פאסקוויל אויף ר' הערש־לייב'ן און אוועקלייגען ביים איהם אויפ'ן שטענ־דער. און תיכף אויפ'ן ארט האט איינער פון די ישיבה־לייט, וואס איז געווען געכאפט אין השכלה, אנגעשריבען דעם פאשקוויל. אין שארפער מליצה, אין לשון קודש, האט ער אויסגערעדט אסור־לדבר אויף ר' הערש־לייב'ן, אויף דער רבי'צן און אויפ'ן גאנצען בית־הרב. דעם פאשקוויל האט'ן אוועקגעלייגט ביי ר' הערש־לייב'ן אויפ'ן שטענדער, איידער ער האט גע־דארפט קומען זאגען דעם שיעור.

ר' הערש־לייב קומט אריין אין דער ישיבה, געהט צו צום שטענדער זיי־נעם, געפינט דעם פאשקוויל און הויבט אן לייענען.

די ישיבה־לייט קוקען פאר׳גנב׳עט פון די גמרות, ריכטען זיך צו כאפען א פסק און מאכען אפ ביי זיך צו בלייבען יד אחת.

ר׳ הערש־לייב לייענט איבער און גיט א שמייכעל:

„א פיינער בעל־לשון, שרייבט לשון קודש ווי א וואסער . . .״

* * *

„שבת הגדול״ איז ר׳ נפתלי ראפשיצער אמאל געקומען פון בית־מדרש זעהר אויסגעמאטערט.

— וואס — פרעגט איהם די רבי׳צין — ביזטו אזוי פארמאטערט?

— כ׳האב היינט — ענטפערט ר׳ נפתלי — געהאט א שווערע דרשה. ס׳זיינען דא א סך ארימע לייט אין שטאדט און ס׳יקרות איז גרויס. האב איך לאנג גערעדט מכח מעות־חטים, מעורר געווען די עשירים צו באזארגען די ארימע לייט מיט פסח.

— נו, — פרעגט איהם די רבי׳צין, — האסטו עפעס גע׳פועל׳ט מיט דיין דרשה?

— א העלפט — שמייכעלט ר׳ נפתלי — האב איך שוין גע׳פועל׳ט: די ארימע לייט זיינען מרוצה צו נעמען. צי די עשירים וועלען געבען? — ווייס איך נאך ניט.

* * *

ר׳ לוי יצחק בארדיטשעווער איז אמאל, ערב פסח נאך ביעור חמץ, ארויס אין מארק. טרעפט ער א גוי א שמוגלער, וואס שמוגעלט סחורה איבער׳ן גרעניץ.

— האסטו — פרעגט איהם ר׳ לוי יצחק — אויסלענדיש זיידענס?

— יא. — זאגט דער גוי.

— וויפיעל איילען האסטו? — פרעגט ער איהם ווייטער.

— כ׳קען דיר קריגען — זאגט דער גוי — וויפיעל דו ווילסט.

נעהט ער אוועק פון גוי און טרעפט אן א אידען.

— האסטו ביי זיך — פרעגט איהם ר' לוי יצחק — עפּעס חמץ?

— חמץ? — ווערט יענער אַ פאַרציטערטער. — חלילה, רבי, אַלץ מבער געווען.

טרעפט ער אַן אַ צווייטען אידען:

— האסטו עפּעס חמץ?

— וואָס רעדט איהר, רבי, — חידוש'ט זיך יענער, — אַצינד חמץ? בין איך, חלילה, קיין איד ניט?

הויבט אויף רבי לוי יצחק די אויגען צום הימעל און זאָגט:

— זעה, רבונו של עולם, ס'אַראַ'ן עם הנבחר אידען זיינען. דער רוסי־שער קיסר איז אַ מלך אדיר, האָט מעכטיגע חילות, מיט כלי זין, מיט תפיסות. האָט ער פאַרבאָטען אריינצופירען סחורות מן החוץ און אוועקגעשטעלט אויף דער גרעניץ אַ וואַך, וואָס היט טאָג און נאַכט — פונדעסטוועגען פירט מען אריין כל מיני סחורות און מ'פאַרקויפט זיי בריש גלי. און דו, רבונו של עולם, האָסט געשריבען אין דיין הייליגער תורה איין פּסוק: „לא יראה לך חמץ", אָהן אַ גרעניץ, אָהן אַ וואַך — און ערב פּסח נאָכ'ן זמן געפינט זיך ניט אין גאַנצען אידישען גבול קיין ברעקעל חמץ ניט . . .

* * *

ר' יוסף שאול נאַטאַנסאָן איז געווען אַ גרויסער מקיל אין שאלות. איינמאַל, ערב פּסח נאָך ביעור חמץ, איז צו איהם אריינגעקומען ר' משה בערנפעלד, איינער פון זיינע מקורבים, אַ איד אַ למדן, וואָס האָט געקענט פּסק'ענען אַ שאלה.

— גוט וואָס איהר זיינט געקומען, ר' משה, — זאָגט איהם ר' יוסף שאול, — כ'דאַרף גראָד אוועקגעהן און דאָ קומט דער עולם מיט שאלות. זייט־זשע מוחל און בלייבט דאָ ענטפערען אַ שאלה ביז כ'וועל צוריק קומען.

— רבי, — זאָגט ר' משה, — כ'בין ניט אַזאַ בעל־הוראה ווי איהר. אַז איך וועל זיין אין ספק אויף אַ שאלה, וועל איך טריף מאַכען.

— חלילה וחלילה, — זאגט איהם ר׳ יוסף שאול מיט׳ן הארבען ווארט, — אז איהר וועט זיין אין ספק, זאלט איהר כשר מאכען. מחמת טריף מאכען כשר׳ס איז א גרעסערע עבירה, ווי כשר מאכען טריפ׳ס . . .

* * *

רבי עקיבא אייגער איז געווען א גרויסער מכניס אורח. ער האט תמיד געהאט אן אורח צום טיש. ווער שמועסט יום־טוב און אזא יום־טוב ווי פסח. איינמאל, פסח צום סדר, בעת ר׳ עקיבא אייגער מיט זיינע אורחים זיינען געזעסען ביים טיש און געפראוועט דעם סדר, האט אן אורח אומגערען אויס־געקערט זיין כוס, וואס איז געשטאנען לעבען איהם, און אויסגעגאסען דעם וויין אויף׳ן ווייסען יום־טוב׳דיגען טישטוך. כדי דער אורח זאל ניט מבויש ווערען, גיט ר׳ עקיבא אייגער א שאקעל דעם טיש, גיסט אויס זיין כוס און זאגט:

— דער טיש שטעהט עפעס ניט גלייך . . .

* * *

צו ר׳ יחיאל־מיכל נאווארעדקער, דער „ערוך השלחן", איז אמאל פסח פאר׳ן סדר געקומען א אידענע מיט א פסח׳דיגע שאלה. איז׳ס גראד געווען זעהר א שווערע שאלה, אז ר׳ יחיל־מיכל, זייענדיג איינער פון די גרעסטע בעלי־הוראה אין דור, האט ניט תיכף געענטפערט. ער איז אריין צו זיך אין בית־דין שטוב, האט געזוכט, געבלעטערט אין ספרים און זיך שטארק געמאטערט אויף דער שאלה. דא זיצען די גאנצע בני־בית און ווארטען מ׳זאל זיך זעצען צום סדר — ר׳ יחיאל־מיכל געהט אבער ניט ארויס פון בית־דין־שטוב. ס׳געהט אוועק א פערטעל שעה, א האלבע שעה — און ער זיצט נאך אלץ ביי זיך און הארעוועט אויף דער שאלה.

אז די בני־בית האבען זיך ניט געקענט דערווארטען, איז איינער פון זיי, ס׳אייניקעל, אריין צו איהם און געזאגט:

— האט קיין פאראיבעל ניט, זיידע, וויפיעל איז דער שיעור? ס׳ווערט דאך פארשטערט דער גאנצער יום־טוב. מילא, אז מ׳קען ניט כשר מאכען, מאכט מען אמאל טריף.

— וואס רעדסטו ? — לאזט איהם ר' יחיאל־מיכל ניט ריידען. — ווי קען איך מיך זעצען צום סדר מיט מיינע בני־בית און הנאה האבען פון יום־טוב, ווען ביי דער ארימער אידענע וועט טריף ווערען דאס עסען און זי וועט האבען א פארשטערטען יום־טוב.

און האט ווייטער גענומען בלעטערען ספרים.

אין א היבשע ווייליע ארום איז ער ארויסגעקומען פון בית־דין שטוב און געזאגט צו דער אידענע :

— ס'איז כשר, איהר מעגט עסען.

און ערשט דעמאלט האט ער זיך געזעצט צום סדר.

* * *

אלכסנדר צעדערבוים, דער רעדאקטאר פון „המליץ", בעת ער האט גע־וואוינט אין פעטערבורג, איז זיין מנהג געווען האבען פסח צום סדר עטליכע מנינים מענשען. אידישע סטודענטען, שרייבער, דאקטוירים, וואס האבען געבענקט נאך א אידישע סביבה אינ'ם גוי'אישען פעטערבורג, פלעגען קור־מען צו צעדערבוים'ס סדרים, אפפרישען אביסעל ס'אידישקייט זייערס. צעדערבוים האט אפגעריכט דעם סדר אויפ'ן עכט־אידישען שטייגער, מיט אלע פיטשעווקעס. איינער פון די סטודענטען האט געפרעגט די פיר קשיות, צעדערבוים האט פארטייטשט די הגדה און דער עולם האט זיך איינגעהערט מיט גרויס כונה.

צווישען עולם פסח'דיגע געסט זיינען תמיד געווען : דער משורר מינסקי, פראפעסאר וועגנגראוו, לודוויג סלאנימסקי (ר' חיים זעליג סלאנימסקי'ס א זון) און ש. פרוג.

אין יאהר תרמ"א איז אין פעטערבורג געווען א שמד־מגפה. כמה אי־דישע יונגע לייט האבען זיך גע'שמד'ט כדי צו קריגען זכיות פון דער רוסי־שער מלוכה. צווישען די גע'שמד'טע זיינען געווען מינסקי, וועגדראוו און סלאנימסקי.

יענעם פסח איז ביי צעדערבוים צו די סדרים געווען נאך לעבעדיגער ווי אלע יאהר. דער עולם איז געווען גרעסער, ס'זיינען צוגעקומען פנים

וזרשות. מ'האט געוואלט, ווי אויף צו להכעיס, ארויסווייזן ס'אידישקייט.

בעת דער גאנצער עולם איז שוין געזעסן ביים סדר טיש און צעדערבוים האט זיך געקליבן מאכן קידוש — עפענט זיך די טיר און ס'געהען אריין די דריי משומדים: מינסקי, ווענדראוו און סלאנימסקי.

צעדערבוים בלייבט שטעהן ווי געפלעפט. דער עולם קוקט זיך איבער. פלוצלונג שטעלט זיך אויף פרוג און גיט א געשריי:

— וואס שווייגט איהר? עפענט די טיר און זאגט: „שפוך חמתך".

און ער הויבט אן זאגען אויפ'ן קול, מיט'ן הגדה ניגון:

„שפוך חמתך על הגוים אשר לא ידעוך".

דער גאנצער עולם האט אנגעהויבען פאטשען און די דריי משומדים האבען זיך ארויסגערוקט באגראבענע פון חרפה.

* * *

ר' גרשון טיקטין, ברעסלויער רב, איז אמאל פסח געגאנגען פון בית-מדרש אהיים. טרעפט ער אן עטליכע טייטשען, וואס ער האט געקענט פאר מחללי שבת, מיט ציגארען אין מויל.

— גוט שבת, גוט שבת. — זאגט זיי ר' גרשון.

— ס'טייטש, רבי, — חידוש'ן זיי זיך, — היינט איז דאך פסח?

— כ'האב געזעהן, — שמייכעלט ר' גרשון — אז איהר רויכערט, האב איך געמיינט ס'איז שבת.

* * *

ר' יונתן פרעגער, בעת ער איז געווען א אינגעל, האט אמאל פסח צום סדר ארויסגע'גנב'עט דעם אפיקומן און האט בשום אופן נישט געוואלט אפגעבען ביז דער טאטע האט איהם צוגעזאגט לאזען מאכען פאר איהם א נייע מלבוש.

אז ער האט אפגעגעבען דעם אפיקומן, זאגט איהם דער טאטע:

— אצינד, יונת'ל, קריגסטו נישט קיין חלק אפיקומן, ביז דו וועסט מיר מיין הבטחה מוחל זיין.

— זעה, טאטע, — ווייזט איהם דער קליינער יונתן — כ'האב שוין מיין חלק אפיקומן אליין גענומען . . .

* * *

ר' לוי יצחק בארדיטשעווער האט זיך נוהג געווען, אז פסח צום סדר, בעת ער האט געזאגט „מצה זו", פלעגט ער כאפען די מצה מיט אזא התלהבות ווי איינער איז זיך מיט עפעס מחיה: א, א, א, „מצה זו" — פון גרויס התלהבות פלעגט ער ארונטערקריכען אונטער'ן טיש, אראפשלעפען ס'טיש־טוך, איבערקערען די קערה מיט די כוסות, מיט די מצות, אז מ'האט געמוזט פון ס'ניי גרייטען דעם טיש.

איינמאל איז ער געווען פסח ביי ר' ברוך מעזשיבוזשער. ר' ברוך איז געווען אן איסטניס און א קפדן.

פאר'ן סדר זאגט ר' לוי יצחק צו ר' ברוך'ן:

— ר' ברוך, סערדצע, כ'וויל זיצען פון אנדערען זייט טיש.

האט ר' ברוך מסכים געווען. מחמת ער האט געוואוסט ר' לוי יצחק'ס דרך, נאר אליין זאגען איהם האט ער נישט געוואלט.

האט'ן צע'סדר'ט דעם טיש אין דער ברייט. איז ר' ברוך געזעסען פון איין ענד טיש, און ר' לוי יצחק פון אנדערען.

צום ערשטען כזית מצה איז ר' לוי יצחק אריין אין אזא התלהבות, אז ער איז ארויפגעשפרונגען אויפ'ן טיש, איבערגעקערט די קערות מיט די כוסות מיט הכל שבהכל . . .

* * *

ר' יהושע לייב בריסקער האט געהאט א רבי'צין א למדנית און א חכמה, סאניע. פלעגט ר' יהושע לייב האלט האבען זיך ווערטלען מיט איהר.

איינמאל, צו בדיקת חמץ, מאכט ער צו דער רבי'צין זיינער:

— שוין מבער געווען, ב"ה, אלע חמצ'ן, אחוץ דעם איין חמץ — און ווייזט אן אויף איהר.

— האסט א טעות, — ענטפערט די רבי'צין, — דער חמץ דארף קיין ביעור נישט האבען, מחמת דער טאטע האט מיך שוין לאנג פארקויפט צו א גוי...

(„די וועלט דערציילט", מ. ליפסון).